№ 37 — פרייז 2 קאפ. — Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעסן פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשן: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רייזנער, מוואָרדא 23, טעל. 147-63.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע אי דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ. גראטולאציאנען פערלאבונגס און הכנסת-כלה-אנזייגן 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

12 (25) פעברואר 1914. — מיטוואך כ"ט שבט תרע"ד — זיבענטער יאהרגאנג.

קאסא בלייבט אויף זיין שטעל.

אבגעווארפען דעם הסכם צווישען קאדעטען און אקטיאבריסטען.

קאסא בלייבט.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) די פראגע, צי דער בילדונגס-מיניסטער קאסא זאל פערבלייבען אויף זיין שטעל איז איצט ענדגילטיג געלעזט געווארען לטובת דעם לעצטען. קאסא פערבלייבט ווייטער אויף זיין פאסטען. די ביטע וועגען דעמיסיע, וואס קאסא האט אנגעגעבען, האט מען איהם צוריקגעשיקט און די דעמיסיע איז אלזא ניט אנגענומען געווארען.

מען פעראייניגט זיך ניט.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) אויף דער קאנפערענץ פון די קאדעטען איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען פעראייניגען זיך מיט די לינקע אקטיאבריסטען. דער דעפוטאט מאקלאקאוו און אנדערע האבען פארגעלעגט, אז מען זאל שליסען א בלאק מיט די אקטיאבריסטען, וועלכע האבען זיך אבגעטיילט פון זייערע רעכטע חברים. די קאנפערענץ האט דעם פארשלאג אבגעווארפען.

פאגראם-אגיטאציע.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) ווי מען טעלעגראפירט אהער פון וויטעבסק, האט זיך אין דער גאנצער גובערניע פערשפרייט א גרויסע מאסע פאגראם-ליטעראטור און פערשיעדענע פראקלאמאציעס מיט יושטשינסקי'ס בילד, אין וועלכע ס'ווערט גערופען „זיך נוקם צו זיין אן די יודען פאר'ן פערגאסענעם בלוט פון דעם מערטירער יושטשינסקי".

אבגעשטעלט גרושים.

קרעמענטשוג (ספ. צום ל. ט.) די היגע מאכט האט בעקומען א בעפעהל אבצושטעלען די יודישע גרושים פון קרעמענטשוגער אויעזד.

א סטודענט—א סוחר.

מאסקווע (ספ.) דאס געריכט האט פער'משפט דעם סטודענט הערמא'ן, וועלכער האט זיך פערנומען מיט פערקויפען טעאטער-בילעטען, דערביי געמאכט א געשעפט, צו 800 ר. שטראף.

אויפגעריסען א מיליטער-צוג.

ווערא קרוץ (פ.) די אויפשטענדיגע האבען ניט וויים פון דער סטאנציע לימא אויפגעריסען א מיליטער-צוג, וואס איז געפאהרען קיין דזשאלאץ. פון אויפרייס איז דער גאנצער צוג צושטערט געווארען. אלע פאסאזשירען, 55 אפיצירען און סאלדאטען און א ענגלישער אינזשענער זענען דער'הרג'עט געווארען.

דער פאסאזשיר-צוג, וואס איז געפאהרען נאך דעם מיליטער-צוג איז אויך בעשאסען געווארען און האט בעוויזען אוועקצופאהרען צוריק.

די דומע וועגען דער גילטיגקייט פון אדעסער וואהלען.

פעטערבורג (פ.) אויף דער נעכטיגער דומע-זיצונג איז ווייטער בעטראכט געווארען די פראגע וועגען דער גילטיגקייט פון די אדעסער דומע-וואהלען. פיעל דעפוטאטען פון דער אפאזיציע זאגען זיך ארויס נעגען דער וואהל פונ'ם יעפיסקאפ אנאטאלי אלס דומע-דעפוטאט.

משכעאידזע זאגט, אז אין דער פראגע איז ער פאלשטענדיג מסכים מיט דער מיינונג פון פורישקעוויטשען מיט זיינע פריינד, ווייל אין דומע מוזען זיך געפינען פערטרעטער פון אלע קלאסען. עס וואלט געווען א גרויסער אומגליק פאר דער דומע, ווען אין איהר פעהלט, למשל, אזא מין עקזעמפליאר ווי מארקאוו II. וועלכער בעפוצט דעם טאהרישען פאלאץ...

דער פארזיצענדער מאכט אויפמערקזאם דעם רעדנער, אז בנוגע די דומע-דעפוטאטען זאל ער זיך ניט בענוצען מיט אזעלכע אויסדרוקען. שפעטער נעהמט ער ביים רעדנער אינגאנצען צו דאס ווארט.

מאקלאקאוו בעמערקט, אז די אדעסער וואהלען זענען ניט געווען קיין וואהלען, נאר א שפיעל פון אפעריסטען.

מיט א מעהרהייט פון 207 נעגען 80 ווערען די אדעסער וואהלען פון דער ערשטער קוריע, פון וועלכער ס'איז געוועהלט געווארען לעוואשאוו, אנערקענט פאר גילטיג, און די וואהלען פונ'ם יעפיסקאפ אנאטאלי פון דער צווייטער קוריע ווערען מיט א מעהרהייט פון 191 נעגען 131 אנערקענט פאר אונגילטיג, נאר ווייל אויף מבטל צו מאכען די וואהלען דארף מען האבען א מעהרהייט פון צוויי-דריטעל שטימען ווערען די וואהלען פונ'ם יעפיסקאפ אנאטאלי בעשטעטיגט. (די רעכטע אפלאדירען).

דאן ווערט בעטראכט די אנפראגע צום אינערן-מיניסטער וועגען דעם פערבאט צו פייערן דעם יובילעאום פונ'ם מאלארוסישען דיכטער שעווטשענקא.

וועגען סקאנדאל אין דער פעטערבורגער געזעלשאפט.

פעטערבורג (ספ.) די „זעמשטשינא" פערזיכערט, אז חברים פון סטודענטען האבען אנגערעדט איליא דעניסאוו'ן, אז ער זאל בעגעהן זעלבסטמארד און אויף אזא אופן קאמפראמעטירען דעם הויכען בעאמטען פון בילדונגס-מיניסטעריום.

וועגען אבשאפען די אויסלענדישע פאספארטען.

פעטערבורג (ספ.) די קאמיסיע וועגען געזעצפראיעקטען האט איינשטימיג אנערקענט די וויכטיגקייט אבצושאפען די אויסלענדישע פאספארטען. די קאמיסיע האט בדעה פארצולעגען אין דער דומע, אז ס'זאל אויסגעקליבען ווערען א בעזונדערע קאמיסיע, וועלכע זאל אין משך פון א חודש צייט אויסארבייטען א פראיעקט אז ס'זאל אינגאנצען אבגעשאפט ווערען די אויסלענדישע פאספארטען.

בעהערט א יודישען געלעהרטען אין שפאניען.

מאדריד (ספ.) דער דאקטאר א. ס. יאהודא, דאצענט פון בערלינער לעהר-אנשטאלט פאר וויסענשאפט וועגען יודענטום, האט לויט דעם פארשלאג פון דער שפאנישער רעגירונג געהאלטען אין מאדריד א גאנצע רייה פארלעזונגען וועגען יודישער געשיכטע און ליטעראטור. איצט איז ד"ר יאהודא בעשטימט געווארען אלס אויסוועהלטער מיטגליעד פון דער מאדרידער וויסענשאפטליכע אקאדעמיע. ד"ר יאהודא איז דער ערשטער יוד, וועלכער איז אויסגעוועהלט פון דער שפאנישער אקאדעמיע.

דער אטענטאט אויפ'ן דעברעטשינער ביסקופ.

בודאפעסט (ספ.) דער אויפרייס אין דעברעטשין האט געמאכט א אונגעהויערען איינדרוק דערפאר, ווייל מ'ניעט דעם אטענטאט צו א פאליטישען כאראקטער אין צוזאמענהאנג מיט'ן פראצעס אין מאַרמאַראש-סיגעט (אונגארן).

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט אז אין פאקעט, וואס מ'האט צוגעשטעלט דעם ביסקופ, איז געווען 23 קילאגראם אויפרייס-מאטעריאל.

בעת מ'האט איבערגעגעבען דעם ביסקופ דעם פאקעט מיט אויפרייס-מאטעריאלען איז ער געווען אין א גרויסען ציטער און איז גראד געשטאנען ביי'ם טעלעפאן, ניט קוקענדיג אויפ'ן שטארקען אויפרייס איז דער ביסקופ נור לייכט פערוואונדעט געווארען.

דער אויפרייס האט אנגעמאכט גרויסע היזקות. אויסער די 6 דערהרג'עטע זענען אויך פערוואונדעט געווארען עטליכע פערזאנען, וואס זענען צופעליג פארבייגעגאנגען.

בודאפעסט (ספ.) דער שרעקליכער דינאמיט-אטענטאט אויפ'ן דעברעטשינער ביסקופ האט ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג אין גאנץ אונגארן. ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען איז דער דאזיגער אטענטאט א רעזולטאט פון דער העפטיגער אגיטאציע מצד די רומענישע נאציאנאליסטען, וועלכע זענען געווען שטארק אויפגעבראכט אויף דעם, וואס עס איז דארט ניט לאנג געגרינדעט געווארען א גריכיש-קאטוילישע ביסקופטום און די ליטורגיעס קומען פאר אויף דער אונגארישער שפראך.

דער אויפרייס איז פארגעקומען אין דעם מאמענט, ווען מען האט אויפגעמאכט דעם פאקעט, אין וועלכען ס'האט געזאלט ליגען טייערע מתנות פאר'ן ביסקופ און פאר דער קירכע.

לעצטע לאדזער נייעס.

א פעטיציע צום מיניסטעריום וועגען „פעקעל-נעהמער".

(ג) אויף דער לעצטער פערוואלטונגס-זיצונג פון „סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין" איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען מיט א פעטיציע צום האנדעלס-מיניסטעריום, אז עס זאל זעהען צווירקען, ס'זאל געשאפען ווערען א געזעץ וואס זאל שטרענג בעשטראפען דעם געמיסען מין כוחרים „פעקעל-נעהמער", וועלכע בעשווינדלען אויף פערשיעדענע אופנים די פאבריקאנטען.

די הייניגע פערזאמלונגען.

(ג) היינט אין אווענד וועלען פארקומען יעהרליכע פערזאמלונגען: פון דער „חברה משמורים" (גלובנא 41) פון דער יודישער „קרעדיט-געזעלשאפט" (אין לאקאל פון „סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין" זאוואדזקא 5) פון דער „חברה גמילות-חסדים" אויף שייבלער'ס (טארנאווא 65) און פון „דענטיסטען-פעראיין" (נייער-מארק 6).

פון פאבריקאנטען-פעראיין.

(ג) לויט'ן בעשלוס פון דער לעצטער פערוואלטונגס-זיצונג פון „סוחרים-און פאבריקאנטען-פעראיין" גרינדעט זיך ביי'ם לעצטען די צווייטע בראנזשען-סעקציע, וועלכע וועט ביישטעהן פון פאבריקאנטען פון וואלענע דאמען-קאנפעקציע סחורות. די גרינדונגס-פערזאמלונג פון דער סעקציע וועט פארקומען דאנערשטאג אין אווענד אין פעראיינס-לאקאל.

א בלוט-בלבול אין לאדז.

(ג) דעם פערגאנגענעם שבת צונאכטס האט זיך אויף נאווא-זארזשעווסקא 4 אין מ. נ. שווארץ'ס וועש-געוועלב איינגעריסען דער סופיט. כדי אויסצומיידען גנבות אין געוועלב פון די צוזאמענגעלאפענע נייגעריגע ארבייטער, וואס זענען דאן געגאנגען פון די פאבריקען האט שווארץ פערמאכט זיין געוועלב. צווישען די צוזאמענגעלאפענע קריסטען האבען דערביי איינגע פערשפרייט א קלאנג, אז ש. האט צוזאמען מיט נאך איינגע יודען פערנארט א קריסטליך יונגעל, כדי איהם צו ערמארדען צו ריטועלע צוועקען. דער פינסטערער המון האט זיך גלייך א נעהם געטהון צו דעם געוועלב און געפרובט עס אויפצורייסען איינעם קאלינסקי, וועלכער האט דעם אויפגערעגטען המון געפרובט צו בערוהיגען האבען די לעצטע איהם פערוואונדעט, צום גליק איז באלד אנגעקומען פאליציי, וועלכע האט דעם אויפגערעגטען המון צוטריבען און בערוהיגט.

פון קאמי-פעראיין.

(ג) די יעהרליכע גענעראל-פערזאמלונג פון די מיטגליעדער פון „קאמי-פעראיין" (פראמענאדע 21) וועט פארקומען צום ערשטען טערמין דעם קומענדיגען מיטוואך, אין פאל ווען זי וועט ניט קענען צושטאנד קומען וועט זי פארקומען ביי יעדער צאהל מיטגליעדער דעם 21-טען מערץ.

קומענדיגען מיטוואך ארדענט דער „קאמי-פעראיין" איין א דיסקוסיאנס-אווענד וועגען א שפאר-קאסע.

א פראצעס פאר וועלען אנטלויפען פון טורמע.

(ג) נעכט'ן אין צווייטען טאג פון די זיצונגען פון דער צווייטער פעטריקאווער קרימינאל-אבטיילונג אין לאדז איז בעטראכט געווארען דער פראצעס פון א גרופע ארעסטאנטען פון דער טורמע אויף דלוגא גאס, וועלכע האבען דעם 27-טען דעצעמבער 1912 פערנארט צו זיך אין קאמער דעם סטראזשניק פיאטער בארעוויעצקי און נאכדעם ווי זיי האבען איהם פערשטופט דאס מויל מיט א טיכעל האבען זיי איהם ענטוואפענט און גענומען אנטלויפען. בעת ב. האט זיך ארויסגעריסען א ווידערשטאנד האבען די ארעסטאנטען איהם געוואלט ערמארדען. דאס געריכט האט זיי פערמשפט צו פערליערען אלע רעכט און צו 6 יאהר קאטארגע יעדען.

דרייסטער באנדיטען-אנפאל.

(ג) נאך דער גרעסערער צאהל באנדיטען-אנפאלען, וואס ס'זענען די לעצטע טעג אויסגעפיהרט געווארען אין דער לאדזער אומגעגענד, איז פארגעסטערן אין אווענד ווידער פארגעקומען א דרייסטער רויב-אנפאל אין דארף קאוואלשין, גמינע כאיני ביי לאדז.

ארום 9 א זייגער אין אווענד זענען צום סאלטיס פון אויבענדערמאהנטען דארף יוזעף קוטף, אריינגעקומען דריי פערמאסקירטע, מיט רעוואלווער בעוואפענטע יונגעלייט און אויפשיעסענדיג איינציגע מאל אין דער לופט, האבען זיי אלע אנוועזענדע בעפוילען זיך ניט צו ריהרען פון ארט און אויפצוהויבען די הענד. די באנדיטען האבען דערויף רעווידירט די אנוועזענדע און ביי'ם סאלטיס דערביי צוגערויבט 14 רובל, אויסשיעסענדיג איינציגע מאל אין דער לופט, זענען די באנדיטען ארויס.

פערלאזענדיג דעם סאלטיס וואוינונג זענען די באנדיטען אריין אין געוועלב פון יוזעף מיהראן, וואס געפינט זיך אין סאלטיס הויז. ביי'ם לעצטען האבען זיי צוגערויבט 95 רובל און זענען אנטלאפען. ווען די זעמסקי פאליציי האט זיך דערוואוסט וועגען די רויב-אנפאלען האבען זיי גענומען זוכען די באנדיטען; קיינעם איז אבער ניט געלונגען צו ארעסטירען.

בעשולדיגט אין אנאנפאל.

(ג) פארגעסטערן אין אווענד איז צום סטרוזש פידעלום אויף פאסאזש שולץ 19 אריינגעקומען דער יוד יוסף שארי פון פייפער גאס 26 אבנעמען זיינעם א חוב, אנשטאט אבצוגעבען דעם חוב, איז דער סטרוזש אויף איהם אנגעפאלען און גענומען שלאגען שרעקליך, אז ש. איז א באנדיט און איז איהם געקומען בערויבען, אויפ'ן לעצטענס געשרייען איז אנגעלאפען פאליציי און דערהאלט דעם יוד ארעסטירט און אבגעפיהרט אין אוטשאסטאק.

שטרייקען.

אין די לוינוועבערייען פון מ. רייס און פון וו. טראקסטרעגער (פראנצישקאנער 41) האבען געהאט פערשטרייקט די ארבייטער, פארלאנגענדיג א העכערן לוין, נאך א 2-טאגיגען שטרייק האט מען געהעכערט דעם לוין אויף 10 פראצ.

— דער היעגער מאגיסטראט האט זיך ערנסט גענומען דורכצופיהרען דעם פראיעקט פון פערברענען דעם מיסט. דער שטאדט-ארכיטעקטאר ה' נעבעלסקי האט זייענדיג אין פעטערבורג דארט בעזיכטיגט די אנשטאלט צו פערברענען מיסט און ער גרייט איצט אנ'אויספיהרליכען פראיעקט וועגען דער פראגע.

צוליעב ביילים-ברעלאקען.

(ג) מיט איינינע וואכען צוריק האט א רעווירָאוויע בעמערקט ביים צייטונגס-פערקויפער סאגע און שרה עהרליך אויף רוג זגיערסקא און זאלאדניא א פעקעל מיט ברעלאקען און מעדאלען, אויף וועלכע ס'איז געווען א בילד פון מענדעל ביילים מיט דער אויפשריפט „צום אנדענקען אין זיין פראצעס". דער רעווירָאוויע האט קאנפיסקירט די ווארען און געמאכט א פראטאקאל. איצט האט דער פאליצייםייסטער דעם פראטאקאל איבערגעשיקט צום פעטריקאווער גובערנאטאר, וועלכער דארף בעשטימען די שטראף פאר פערקויפען ביילים-ברעלאקען.

פלוצלונג געשטארבען אויף דער פאבריק.

(ג) נעכטען ארום 8 א זייגער אין דער פריה איז אין ה. א. שאפירא'ס פאבריק (דזעלנא № 34) בעת דער ארבייט ביי דער מאשין פלוצלונג געשטארבען דער 39 יאהריגער ארבייטער וולאדיסלאוו צענגלער.

צור פערלאבונג פון מיינע שוועסטער
פייגא פאדראלסקי
מיט הערין יצחק שווארצמאן
גראטולירען און ווינשען א הערצליכען מזל-טוב 00
ה. פאדראלסקי עט פרוי.

קאנקורס בעטייליגונג.
די אלע קרעדיטארען, וועלכע ווילען אנטייל נעהמען און מאכען א קאנקורס די פירמע
„יאהאן יאך עט אדאלף יעקעל"
וואלען זיך מעלדען ביי י. זאלצמאן,
אלעקסאנדער שטר. № 88 טעלעפאן 17-35
פון 9—11 פארמיטאג. 5193

M. P. Neuhaus,
Kłodawa, gub. Kaliska.
מאכט בעקאנט, דאס די „לאדזשער האנדעלס-באנק" נעהמט אן וועקסלען צו דיסקאנטע, אינקאסא מיט פראטעסט, אויך פראלאנגען וועקסלען עס איז נעשריבען צוהלבאר
In Kłodawa bei M. P. Neuhaus. 1475

בעקאנטמאכונג.
היינט מיטוואך, דען 25 פעברואר אים 8 אוהר אבענדס וועט אין לאקאל פון „פאבריקאנטען און סוחרים פעראיין", זאוואדזקא 5, פארקומען
די גרינדונגס-פערזאמלונג
פון דער
לאדזער יודישער קרעדיט-קאסע.
די איינגעשריבענע מיטגליעדער ווי אויך די פערזאנען וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער גרינדונג פון דער יודישער קרעדיט-קאסע ווערען געבעטען פינקטליך צו ערשיינען.
די גרינדער.

אן די לאדזער פאפיער-געשעפטען!
יעדעס פאפיער-געשעפט, וואס האט נעטהיג שולהעפטען, ברוליאנס, סעראטע-ביכער, זעמטליכע געשעפטס- און פאבריקספביכער, זאווי זעמטליכע קארטען ווייסע פאפירען פון די בעסטע קוואליטעטען, פון די פעראייניגטע פינלענדישע פאפיער-פאבריקען
אקציענגעזעלשאפט „קימענע" „KYMMENE"
ווי אויך זיידענפאפיער, נאטור- און אלע סארטען דרוקפאפיערען פיר זעמטליכע דרוקערייען, בוכבינדער און שאכטעלמאכער, זאל זיך ווענדען אין פאפיער-לאגער
פעטריקויער 42 „MERKURY" פעטריקויער 42
ספעציעלע מאדערנע שולהעפטען-פאבריק און ליניר-אנשטאלט, ווי יעדער קונדע קאן מיט ספעציעלע ליניטורען זאפארט בעדיענט ווערען.

בריעף פון לאנדאן.

נעהיימער טויט פון א יודישען יונגענמאן.—יודישע עמיגראנטען פער'משפט.—וואהלען פון א מיניסטער אין דער יודישער גהעטא.—זיגע פון די קאנסערוואטיווע.—לארד ראטשילד און האמרול.

איז א לאנדאנער געריכט איז פארגעקומען א פראצעס פון פיער יודישע עמיגראנטען, וואס זענען אנגעלאגט געווארען, אז זיי האבען זיך אין ארעס ארויפגעכאפט אויף א שיף אהן בילעטען און אזוי זענען זיי געפאהרען ביז לאנדאן.

א בעאמטער פון דער שיף „לאננוס", אויף וועלכער די פיער יודישע עמיגראנטען האבען זיך בגנבה ארויפגעכאפט, האט דערצעהלט, אז מען איז ערשט דעריבער דערגאנגען אויפ'ן דריטטען טאג, ווען די שיף איז שוין געהאט אבגעזעגעלט פון ארעס, מען האט די בעהאלטענע עמיגראנטען אויפגעזוכט און זיי געצוואונגען צו ארבייטען די איבעריגע צייט פון דער רייזע, און ווען די שיף איז אנגעקומען קיין לאנדאן האט מען זיי ארעסטירט און אנגעקלאגט אין געריכט, און ביי זיי געפונען דאס געלד פאר די רייזע-קאסטען פון ארעס ביז לאנדאן, וואס קאסט 45 רובל.

די עמיגראנטען נישט האבענדיג קיין געלד צו בעצאהלען, זענען אלע פערמשפט געווארען צו 21 טעג תפיסה און נאך דעם ערשט, צוריקגעשיקט צו ווערען קיין רוסלאנד.

די עמיגראנטען זיינען אלע יונגעלייט: האנענבערג, קאהאן, אוקראן און אבראמאוויטש.

דער לעצטער האט דורכ'ן איבערזעצער אין געריכט געזאגט, אז ער איז אנ'ענגלישער בירגער. דער ריכטער האט זיך איהם געהייסען ווענדען צום אינערן-מיניסטער.

נעכטען זענען פארגעקומען אין דער יודישער געטא שטיל-וואהלען פון א מיניסטער. אין דער קרייז ביטנאל-גרין, וואס געפינט זיך אין יודישען קווארטאל, האט נעכטען אויפגעלעבט צוליעב'ן טומעל פון די וואהלען, וואס האט געמוזט פארקומען צוליעב די ענדערונגען אין פארלאמענט.

אלס קאנדידאטען אויף דער שטעל פון קאבינעט-מיניסטער זיינען ארויסגעשטעלט געווארען דער ליבעראלער קאנדידאט מר. מאסטערמאן, קאנסערוואטיווער קאנדידאט סער מ. ווילסאן, און אלס סאציאליסטישער קאנדידאט מר. סקער.

אין אלגעמיין איז געווען די שטימונג, אז געוועהלט זאל ווערען דער ליבעראלער מאסטערמאן, פאר וועלכען עס האבען אויך אבגעגעבען זייערע שטימען די יודישע וויהלער פון בעטנאל-גרין, אבער צום בעדויערן האבען געזיעגט די קאנסערוואטיווע.

דער קאנסערוואטיווער קאנדידאט ווילסאן האט בעקומען 2826 שטימען אין דער ליבעראלער מאסטערמאן 2804, דער סאציאליסטישער סקער האט נאר געהאט 316 און ווילסאן האט מיט א מעהרהייט פון 22 שטימען געזיעגט.

דיזער זיעג פון די קאנסערוואטיווע איז אפילו א גרויסער קלאפ פאר דער ליבעראלער רעגירונג, ווייל דעם נעכטיגען טאג זענען נאך אויף איניגע פלעצער פארגעקומען שטיל-וואהלען און כמעט אומעטום האבען די קאנסערוואטיווע געהאט א מעהרהייט. מען שמועסט זאגאר, אז די קאנסערוואטיווע וועלען איצט פאדערן אלגעמיינע וואהלען, און ווי דער פאל זאל פארקומען מוז די ליבעראלע רעגירונג צוריקטרעטען און די קאנסערוואטיווע נעהמט אריין אין מאכט. און דאס וואלט געווען דאס גרעסטע אומגליק פאר די יודען פון לאנדאן ווען די קאנסערוואטיווע זאלען איבערנעהמען די הערשאפט.

אין א גרויסען האטעל, אין דער סיטי פון לאנדאן איז פארגעקומען א גרויסער מיטינג ווענען האמרול (אויטאנאמיע) פאר אירלאנד.

די רעזאלוציע, אז „עס איז אונמעגליך דורכצופיהרען דאס איצטיגע האמרול-געזעץ", איז פארגעלעגט געווארען פון לארד ראטשילד, וואס האט זיך אויך בעטייליגט אין דעם מיטינג, אז אויב די פונקטען פון האמרול-פראיעקט, וועלכע האנדלען וועגען פינאנציעלע אנגעלעגענהייטען, וועלען נים געענדערט ווערען, וועלען זיי פיהרען די שטענדיגע רייבונגען צווישען דער רעגירונג מיט אירלאנד, זיי וועלען ארויפווארפען א יאך אויף ענגלאנד און א שווערען יאך אויף די אומגליקליכע בירגער פון אירלאנד.

ראטשילד האט אפילו קיין שום נייעס ביים מיטינג נישט געזאגט, דאך האט מען איהם שטארק אפלאדירט...

מיט איניגע טעג צוריק האט זיך אין דער יודישער געטא פון לאנדאן פערשפרייט א קלאנג, אז א יודישער יונגער מאן, א שניידער איז ערמארדעט געווארען אין א נישט-אנשטענדיג הויז וואו ער איז צופעליג אריינגעגאנגען. דער קלאנג האט פערשפרייט זיך, געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף די יודען פון יודישען קווארטאל און מען האט זיך גענומען די זאך גענוי אויסצופארשען.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען פאלגענדעס:

צווייי 10 טעג האבען זיך אין דעם שמאלען פינסטערען געסעל, וואו דאס אומגליק איז פארגעקומען, אריינגעצויגען צוויי פרויען, איינע פון א יאהר 18 און די צווייטע שוין אנ'געלטערע, און נאכט ביי נאכט, פלעגט מען דארט הערען טאנצען, און פערשיעדענע פערדעכטיגע פערזאנען פלעגט מען זעהן אריין און ארויסגעהן פון דארט.

דיענסטאג ביי נאכט האט זיך פלוצלונג דערהערט א גרויסער געוואלד אין געסעל, און ווען די שכנים פון הויז זענען ארויס, האבען זיי געזעהען ווי מענשען קוקען ארויף אין די פענסטער, וואו די צוויי פרויען האבען געוואוינט.

באלד איז געקומען א פאליציי-מאן מיט א דאקטאר און זיי האבען געפונען א יונגען מאן ליגענדיג אין א בעט אין בלוט'ן, און נאך איידער דער דאקטאר האט געגעבען הילף, איז ער געשטארבען.

לויט דער אויספארשונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער יונגער-מאן איז מיט א האלבער שעה פאר זיין טויט געווען אין דער „מענטעל-מייקער יוניאן", וואו ער איז א מיטגליעד, און מיט א האלבע שעה שפעטער האט מען איהם געפונען א טויטען אין דעם שאנד-הויז.

די מעדיצינישע אויספארשונג איז דערווייל געווארען אבגעלייגט ביז שבת, נאר דערווייל געהן ארום קלאנגען, אז די צוויי פרויען האבען איהם פער'סמ'ט.

לאנדאן. י. ש—ק.

טאג-נאטיצען.

שפיעלט זיך ניט מיט פייער!..

א מערקווירדיגע נאטיץ געפינען מיר אין דער נעכטיגער נומער „ראזוואי".

מיר ברענגען זי דא ווערטליך:

„אויף דער פאבריק פון ס. קאנטאר אין פאביאניץ (ווארשאווסקא 47) איז אויסגעהאנגען געווארען א בעקאנטמאכונג מיט פאלגענדען אינהאלט:

„מיר ווארנען אלע ארבייטער, אז אין פאל פון א שטרייק וועל איך זיך האלטען אן מיין פריהערדיגער ערקלערונג און אין משך פון דריי טעג וועלען אלע ארבייטער דערווייטערט ווערען פון דער פאבריק און אויף זייער ארט וועלען צוגענומען ווערען אויסשליסליך יודען".

ווען איך האב די דאזיגע נאטיץ דורכגעלעזען האב איך זיך א פרעג געטהון:

— איז עס מעגליך? זענען דאס די „טובות", וואס א יודישער פאבריקאנט וויל טהון יודישע ארבייטער? איז עס מעגליך, אז א יודישער פאבריקאנט וויל אויסנוצען די לאגע פון די יודישע ארבייטער און זיי מאכען פאר שטרייק-ברעכער? קאן עס זיין, אז א יודישער פאבריקאנט זאל האלטען דעם יודישען ארבייטער פאר א סטראשידלא?

אלע געדענקען נאך דעם טומעל, וואס עס האט ארויסגערופען פאר א יאהרען דער אינצידענט אויף שטיין'ס פאבריק אין פאביאניץ.

דארט האט אויסגעבראכען א שטרייק פון די פוילישע ארבייטער, ווייל מען האט אנגענומען איניגע יודען.

די פוילישע אנטיסעמיטישע פרעסע האט דעם פאקט אויפגעכאפט, איהם פערגרעסערט און גענומען שרייען, אז יודען זענען שטרייק-ברעכערס...

אונז האבען די גאלערען פון די פוילישע באיקאטיסטען גאנץ ווייניג געאהרט, ווייל מיר זענען געווען איבערצייגט אין אונזער גערעכטיגקייט.

ווען ארבייטער ערקלערען א שטרייק צוליעב אזא מאטיוו, וואס מען האט צוגענומען איניגע יודען, קאן מען אפילו עפ"י הלכות קלאסענקאמפף נישט אנרופען שטרייק-ברעכער די ארבייטער, וואס פערנעהמען דעם ארט פון אזעלכע שטרייקערס"...

און מאקי ביי יענעם פאל האבען די כשר'סטע רוסישע מארקסיסטען רעכט געגעבען די יודישע ארבייטער.

ווען אבער עס זאל פארקומען איצט א שטרייק ביי ס. קאנטאר אויף דער פאבריק און ה' ק. וועט נעהמען זוכען יודישע ארבייטער—ווי וועט עס הייסען?

וועלען דאן די פוילישע אנטיסעמיטען נישט זיין גערעכט. וואס זיי זאלען נישט זאגען? אנו בכלל ווי בעשליסט זיך א יודישער פאבריקאנט אזא בעקאנטמאכונג אויסצוהענגען?

דארף דען די באיקאטיסטישע פרעסע א בעסער כלי זיין אין איהר'ע הענד נעגען יודישען ארבייטער, ווי די דאזיגע בעקאנטמאכונג? קאנען די פוילישע „פאטריאטען" נישט דורך אזא בעקאנטמאכונג אויפהעצען די פוילישע ארבייטער נעגען די יודישע?

ווי אונפערענטווארטליך איז אזא האנדלונג!

מיר קאנען שוין פון לאנג די „טובות" פון יודישען פאבריקאנט בנוגע יודישע ארבייטער, מיר וויסען זיינע בעציהונגען צו זיינע ברידער, וועלכע ווילען פערקויפען זייערע ארבייטס-הענד; מיר וויסען, אז דער יודישער פאבריקאנט זוכט שטענדיג זיין אייגענעם נוצען...

נאר צוליעב'ן אייגענעם נוצען מאכען יודען פאר שטרייק-ברעכער, האלטען יודען פאר א סטראשענקע אנשטאט די פוילישע ארבייטער — ווי רופט מען אזא ארט האנדלונג?

מיר זענען איבערצייגט, אז צווישען יודישע ארבייטער וועלען זיך נישט געפינען קיין שטרייק-ברעכערס.

לאזאר י.

הופאן № 37

יעדער לעזער, וואס שטעלט צו צוועלף 10 קופאנען בעקומט יעדע 2 וואכען א באנד יודישע געשיכטע (פון פראפ. גרעץ) אלס פרעמיע פון „לאדזער טאגעבלאט" נור פאר 20 קאפ. אבאנד.

וועלט-נייעס.

אראבגעשלידערט פון א בריקעל.

דער קאפיטאן מיט א מאטראז פון דעם קרייסער „מאנא" זענען געשטאנען אויפ'ן בריקעל פון דער שיף. א שטארקע כוואליע האט ביידע אראבגעשלידערט פון דעם בריקעל אין וואסער אריין און זיי זענען דערטרונקען געווארען. צו ראטעווען זיי איז געווען אונמעגליך.

* * *

א צוג געפאלען אין א טייך אריין.

ווי מ'מעלדעט פון ריפס איז דער לאקאמאטיוו מיט דריי וואגאנען פון א צוג צוליעב א שטורם-ווינד אראבגעפאלען אין טייך אריין ביי בלאנוש. דער לאקאמאטיוו-פיהרער איז געפעהרליך פערוואונדעט געווארען און זיין לעבען געפינט זיך אין געפאהר; 10 פאסאזשירען זענען אויך שווער פערוואונדעט געווארען.

ווער וועט פערנעהמען סקאלאנ'ס פאסטען?

מאנטאג האט אין פעטערבורג געזאלט ענדגילטיג בעשלאסען ווערען די פראגע וועגען דעם. ווער ס'וועט בעשטימט ווערען אלס גענעראל-גובערנאטאר פון ווארשוי. צוליעב געוויסע סבות איז אבער א ענדגילטיגער בעשלוס נישט פארגעקומען. דאנגען איז געלעזט געווארען די פראגע וועגען די קאנדידאטען אויף דעם פאסטען.

די קאנדידאטור פון גענעראל-אדיוטאנט סוכאמלינאוו איז פאלשטענדיג דורכגעפאלען צוליעב פראגען, וועלכע האבען א פרינציפיעלע מלוכה-בעדייטונג.

אין די הויכע ספערען האט מען אנערקענט, אז מ'קאן ניט דערלאזען, אז דער גענעראל-אדיוטאנט סוכאמלינאוו זאל פערלאזען דעם פאסטען פון קריעגס-מיניסטער ביז ער וועט דורכפיהרען אלע רעפארמען אין דער מיליטער-ווירדעמסטווע, וואס ער האט אנגעהויבען.

די קאנדידאטור פון סענאטאר ניידהארדט איז ארויסגעשטעלט געווארען פון זיינע פריינד. זיין קאנדידאטור האט אבער נישט בעגעגענט קיין שום סימפאטיע און אונטערשטיצונג נישט אין די הויף-און נישט אין די רעגירונגס-קרייזען.

דער פראיעקט וועגען צוטיילען די ווארשויער גענעראל-גובערנאטארסטווע אויף צוויי בעזונדערע שטעלעס: אויף א מיליטערישע און אדמיניסטראטיווע—איז אבגעווארפען געווארען אין די הויכע ספערען. די קלאנגען, אז די גענעראל-גובערנאטארסטווע וועט פערוואנדעלט ווערען אין א נאמיעסטניטשעסטווא איז נישט ריכטיג.

די שטארקסטע קאנדידאטור אויפ'ן פאסטען פון ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר זענען די גענעראלען וו. מ. בעזאבראזאוו און סאמסאנאוו. די קאנדידאטור פון ערשטען ווערט ארויסגעשטעלט דורך די הויף-ספערען און די קאנדידאטור פון צווייטען — דורך די רעגירונגס-קרייזען. ווי מ'גיעט איבער פון גוט אינפארמירטע קרייזען, האט די גרעסטע שאנסען אויף בעשטימט צו ווערען אלס ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר דער גענעראל-אדיוטאנט וו. מ. בעזאבראזאוו.

גענעראל-אדיוטאנט בעזאבראזאוו איז פערהייראטעט אויף דער טאכטער פון בעוואוסטען מיליאנער, מיטגליעד פון מלוכה - ראט פאלאווצעוו; זיין פערמעגען ווערט אבגעשאצט אויף 10 מיליאן רובל.

לויט זיין גייסטיגער פיזיאנאמיע איז דער גענעראל-אדיוטאנט בעזאבראזאוו זעהר ענהליך צו דעם פערשטארבענעם גענעראל-גובערנאטאר סקאלאן, דעריבער איז מען זיכער, אז בעזאבראזאוו ווערט פארטזעצען סקאלאן'ס פאליטיק.

די ימ"א פערברייטערט איהר עמיגראציאנס-טהעטיגקייט.

לויט דעם איינשטימיגען בעשלוס פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער יודישער עמיגראציאנס-געזעלשאפט (ימ"א) אין קיעוו, אז די געזעלשאפט זאל אריינעהמען אין איהר פראגראם אויך די אלגעמיינע עמיגראציע, האבען פון יעצט אן אלע ביורא'ס און בעפאלמעכטיגטע פון דער יודישער עמיגראציאנס - געזעלשאפט אנגעהויבען ארויסצוגעבען אלע נויטיגע אינפארמאציעס און ערקלערונגען אויך די עמיגראנטען, וועלכע פאהרען אין אנדערע פארטען, ניט נור אין גאלוועסטאן. אויך וועט די דערמאהנטע געזעלשאפט מיטהעלפען אלע עמיגראנטען, וואס וועלען זיך ווענדען צו איהר, צו בעקומען שיפסקארטען אין אלע פארטען פון אלע אמיגראציאנס-לענדער מיט געוויסע הנחות פון די אפיציעלע פרייזען.

— דאנערשטאג, דעם 6 (19) פעברואר איז ארויסגעפאהרען פון ברעמען קיין גאלוועסטאן די 93-טע פארטיע יודישע עמיגראנטען, וועלכע ווערען א היין רעגעלמעסיג געשיקט אלע 8 וואכען דורך דער יודישער עמיגראציאנס-געזעלשאפט.

אין דער פארטיע האבען זיך פערשריעבען 101 מאן, דער גרעסטער טייל פון זיי איז, ווי ביז א הער בעלי-מלאכות.

די קומענדיגע פארטיע, די 94-טע פארטיע, פאהרט ארויס פון רוסלאנד דאנערשטאג, דעם 20 פעברואר.

פערשרייבען זיך אין דער פארטיע קאן מען, אזוי ווי ביז אהער, אין דער הויפט-ביורא פון דער יודישער עמיגראציאנס-געזעלשאפט אין קיעוו (ב. בלאגאוועשטשענסקע 41), ווי אויך ביי די פארשטעהער פון דער געזעלשאפט אין דער פראווינץ.

מארים לעבלאן. (28

813 די וואונדערליכע מעשים פון א בעריהמטען דעטעקטיוו. 813

פון פאריזער לעבען.

פיערטער קאפיטעל.

I

ליופען נויטיגט זיך נישט אין געלד, נאר אין פרייהייט...

שטילער!—האט זיך אבגערופען דער אומבעקאנטער—רעדט נישט ארויס די דאזיגע ווערטער.

— ווי דען זאל איך רופען אייך...

— רופט מיך גארנישט...

זיי זענען ביידע ענטשוויגען געווארען. דער אומבעקאנטער איז ארומגעגאנגען איבער'ן קאמער הין און צוריק און יעדער זשעסט זיינער האט גערעדט וועגען מעכטיגקייט און וועגען זיין געוואהנהייט צו בעפעהלען. ליופען איז אונבעוועגליך געשטאנען אהן זיין געוועהנליכען איראנישען שמייכעל אויף די ליפען און געווארט אויף די ווערטער פון הויכגעשטעלטען גאסט, טיף אין הארצען איז ער געווען גוואלדיג צופרידען פון דעם בעזוך און זיין נשמה איז פול געווארען מיט שטאלץ, וואס צו איהם, ארסען ליופען, דעם אוואנטוריסט איז אין טורמע געקומען אזא בעריהמטער הערשער, אזא מעכטיגע פערזענליכקייט... פרייערטערהערען האבען זיך איהם שיער נישט געשטעלט אין די אויגען, דען אין דעם מאמענט איז ער געווען דער גליקליכסטער אויף דער וועלט.

דער אומבעקאנטער האט זיך באלד אנטקעגענשטעלט און גענומען רעדען צו דער זאך:

— מארגען פריה ווילט איהר אין די צייטונגען פערעפענטליכען די בריעף?—האט דער אומבעקאנטער געפרעגט.

— די נאכט האבען מיינע מענשען געדראפט איבערגעגעבען דעם רעדאקטאר פון „גראן-זשורנאל" א גענויע רשימה פון אלע דאקומענטען מיט די בעמערקונגען פון גרויסהערצאג הערמאן.—האט ליופען געענטפערט.

— די דאזיגע רשימה וועט איהר נישט איבערגעבען.

— גוט. איך וועל די רשימה נישט איבערגעבען.

— איהר וועט עס מיר אבגעבען.

— איך וועל עס אבגעבען אייער... אייך.

— און אויך אלע בריעף.

— און אלע בריעף.

— קיין איין בריעף וועט איהר נישט פאטאגראפירען.

— איך וועל קיין איין בריעף נישט פאטאגראפירען.

אזוי האט דער אומבעקאנטער אין א רוהיגען טאן אנגעוויזען, וואס ליופען זאל טהון און ער האט אלע בעדינגונגען אהן א שום ווידערשטאנד אנגענומען.

— צום מיטעל—האט ליופען געזאגט צו זיך—ווען מען ווענדעט זיך צו מיין געוויסען בין איך א פערלוירענער...

דער אומבעקאנטער האט ווייטער געשטעלט פראגען און ליופען האט גענומען א ביסעל פארזיכטיגער אויף זיי ענטפערן.

— איהר האט די בריעף געלעזען?

— נעין.

— און עמיצער פון אייערע מענשען האט זיי יא געלעזען?

— נעין.

— איז וואס זשע האט איהר?

— איך האב א צעטעל מיט בעמערקונגען פון גרויס-הערצאג און א תוך דעם וואס איך ווייס ארט, וואו, די בריעף זענען בעהאלטען...

— פארוואס האט איהר זיי ביז יעצט נישט ארויסגענומען?

— איך בין פון סוד געוואהר געווארען, זיצענדיג אין טורמע און איך האב שוין בעפוילען מיינע פריינד א הינצופאהרען.

— דער שלאס ווערט בעוואכט פון 200 מיינע טרייעסטע סאלדאטען.

— 10,000 וואלטען אויך ווייניג געווען...

דער אומבעקאנטער איז אויף א רגע ענטשוויגען געווארען, דאן האט ער ווייטער געפרעגט:

— ווי אזוי זענט איהר געוואהר געווארען, וואו זיי געפינען זיך?

— איך האב עס געטראפען.

— מערקווירדיג, איך האב דאך געהייסען אזוי שטרענג רעוויזירען דעם שלאס.

— שערלאק האלמס האט שלעכט געזוכט...

— אזוי? מערקווירדיג... מערקווירדיג... און איהר זענט איבערצייגט, אז איהר מיינט?

— פאלשטענדיג איבערצייגט.

— דאן איז גוט. איך וויל, אז די בריעף זאלען זיך געפונען אין מיינע הענד...

און אומקעהרענדיג זיך צו ליופענ'ן האט ער שארף א פרעג געטהון:

— וויפיעל?

— וואס?—האט ליופען איבערגעפרעגט.

— איך מיין, וויפיעל ווילט איהר פאר די בריעף? פאר אויסזוכען די בריעף? איהר זאגען, וואו זיי געפינען זיך?

ליופען האט געשוויגען.

— 50,000?.. 100,000?..

און אזוי ווי ליופען האט נאך אלץ געשוויגען, האט ער צוגעגעבען:

— ווייניג? נו, 200,000? וויפיעל פערלאנגט איהר?

— עס איז א גאנץ שענע סומע—האט ליופען ענדליך געענטפערט—נאר מיר דוכט זיך, אז אנ'אנדער מאנארך, למשל, דער ענגלישער קעניג וועט געבען א מיליאן... אנ'אנדער הערשער וואלט אפשר געגעבען דריי מיליאן...

— אמת... נו, וויפיעל פערלאנגט איהר?

ליופען האט א שמייכעל געטהון:

— איך דארף נישט קיין געלד... איך נויטיג זיך אין עפעס אנדערש. וואס עס איז פאר מיר מעהר ווערט ווי מיליאנען...

— וואס איז דאס אזוינס?

— פרייהייט.

דער אומבעקאנטער האט אבגעטראטען א פאר שריט און דאן איהם געענטפערט:

— וואס? איך בעפרייען?... איך האב קיין שום קראפט נישט דאס דורכצופיהרען... דאס איז אנ'אנגעלעגענהייט פון אייער לאנד... פון אייער געזעצען... פון אייער געריכט... איך בין פאלשטענדיג אהנמעכטיג...

ליופען איז צו איהם צוגעגאנגען:

— איהר קאנט עס יא, אייער מאיעסטעט. מיין בעפרייאונג איז נאך נישט אזא וויכטיג געשעהעניש, אז מען זאל עס אייך ענטזאגען...

— איהר מיינט, אז איך קאן עס דורכפיהרען?

— יא, ווען איהר וואלט נאר בעטען...

— ביי וועמען?

— ביי'ם מיניסטער-פרעזידענט...

— איך מיין, אז אין דעם פאל קאן דער מיניסטער-פרעזידענט נישט מעהר אויפטהון פון מיר.

— ער קאן מיר עפענען די טירען פון טורמע...

— עס וואלט דאך אבער געווען א גרויסער סקאנדאל!...

— ווען איך זאג: עפענען די טירען—מיין איך א ביסעלע עפענען... פאר מיר וועט עס זיין גענוג.

— אזוי, אזוי... נאר דער מיניסטער-פרעזידענט וועט עס נישט טהון...

— ווען איהר וועט וועלען—וועט ער עס יא טהון...

— מיין וואונש איז פאר איהם נישט קיין געזעץ.

— דער מיניסטער-פרעזידענט איז א צו גוטער פאליטיקער, אז ער זאל אייער וואונש אין אזא פאל נישט ערפילען.

דער אומבעקאנטער האט זיך א ווייל פערטראכט און דאן געפרעגט:

— איהר מיינט, אז די פראנצויזישע רעגירונג וועט מיר טהון אזא טובה, נאר כדי מיר צו פערשאפען א בעפרידיגונג?

— איך גלויב, אז עס איז נישט בלויז א בעפרידיגונג... עס איז פארהאן א בארען פאר אנ'אבמאך, עס זענען פארהאן מעגליכקייטען.

(פארטזעצונג קומט)

וואס הערט זיך אין לאדז.

ווענן די פערמאכטע חדרים אין לאדז.

(ש) נעכטען האבען זיך אין פעטי־ראקאוו פארנעשטעלט פאר דעם נא־טשאלניק פון דער שול־דירעקציע ה' ביעלאיעוו — איינינע לאדזער מלמדים, וואס זייערע חדרים זענען שוין מיט א לענגערע צייט צוריק פערמאכט געווא־רען לויט דעם בעפעהל פון ה' ביע־לאיעוו'ן.

ווי בעוואוסט, האט דער שול־דירעק־טאר צונעזאגט די פאריגע דעפוטאצי־יעס, אז אויב די אינהאבער פון די חדרים, וועלען איינפיהרען איניגע היגי־יענישע אויסבעסערונגען, וועט ער בע־פעהלען די חדרים ווידער צו עפענען.

די נעכטיגע דעפוטאציע האט זיך סאקע משתדל געווען, אז מען זאל זיי־ערע חדרים עפענען, ווייל זיי האבען די אויסבעסערונגען לויט די פאר־שריפטען אויסגעפיהרט.

דער נאטשאלניק ה' ביעלאיעוו האט צונעזאגט זייער בקשה צו ערפילען.

קליין־קרעדיט.

(ג) אויף דער אנפראגע פון דער גובערנסקע־קאמיסיע פאר קליין־קרעדיט צי די לייה־און שפאר־קאסעס מעגען ארויסגעבען גרעסערע הלואות אויף אונבעוועגליכע גיטער, האט דער צענט־ראל־קאמיטעט פאר קליין־קרעדיט אין פעטערבורג געענטפערט, אז מען קאן אזעלכע הלואות די לייה־און שפאר־קאסעס נישט ערלויבען.

צוליעבן באנד־סינדיקאט.

(ג) ווי בעוואוסט, האבען די היגע,ווארשעווער און ביאליסטאקער פאברי־קאנטען פון זייערנע בענדער געגרינ־דעט א סינדיקאט, א דאנק וועלכען עס פיהלט זיך איצט אויפ'ן מארק פון זיי־דענע־בענדער, א שטארקער מאנגעל אין סחורות; אויך די פרייזען פון די סחורות אין שטארק געשטיגען.

א נייער עופות־שחט־הויז.

(ג) אויף האלבארסקא גאס 15|17 האט ה' יודעל לובאכינסקי איצט אוים־געבויט א נייעם עופות־שחט־הויז, וואס איז איינגעריכטעט געהארען לויט די נייעסטע פארשריפטען פון דער היגיעניע און מעבנים. דער בעזיצער פון שחט־הויז האט זיך איצט געווענדעט מיט א ביטע צום מאגיסטראט, אז מען זאל דאס שעכט־הויז אנערקענען אלס שטאד־טישעס און דערפאר פערפליכטעט ער זיך דער שטאדט צו געבען א געוויסען פראצענט פון די איינקינפטע.

פון דער ערשטער יודישער לייה־ און שפאר־קאסע.

(ג) פון בילאנס וועלכען ס'האט איצט פערעפענטליכט די ערשטע יודישע לייה־און שפאר־קאסע (פעטריקאווער 14) איז צו זעהען, אז די לעצטע האט פאר די 6 יאהר, וואס זי עקסיסטירט געמאכט א אומזאץ פון 2,734,381 רובל מיט 93 קאפ. די קאסע האט געלד אין פערשידענע בענק — 182,113 רובל מיט 24 קאפ., צוזאמען געלדער ביי מיטגלידער האט די באנק 411,272 ר. מיט 84 קאפ. אין דער קאסע געפינט זיך—4232 רובל מיט 99 קאפ. צוזא־מען בעטרעפט דאס קאפיטאל פון דער קאסע—619, 597 רובל מיט 7 קאפ. מיטגלידער צעהלט די קאסע 4886 מיט א פאי־קאפיטאל פון 148,537 ר' און 33 קאפ. און א גאראנטיע־קאפיטאל פון 2,608,400 רובל. איינלאגען האט די קאסע אויף א סומע פון 401,109 רובל מיט 88 קאפ. ריינעם פערדיענסט האט די קאסע פאר'ן יאהר געהאט 10,896 מיט 45 קאפ. איינקינפטע האט די קאסע געהאט 55,838 רובל מיט 79 קאפ. אויסגאבען דאגעגען זענען געווען אויף 45,441 רובל מיט 34 ק.

אנטי אקציזן־געזעלשאפט.

(ג) מיט דער ערלויבניש פון האנ־דעלס־און אינדוסטריע־מיניסטעריום איז פארגעקומען די ערשטע פערזאמלונג פון דער ניי־לעגאליזירטער „אקציען־געזעלשאפט פון דער וועבער־מאנופאק־טור פון הירשבערג און בירנבוים". אין דער פערוואלטונג פון דער געזעל־שאפט זענען נעווהלט געווארען אלס דירעקטארען די ה"ה הענריק הערש־בערג, ס. בודזינער און פרוי זאפיא הירשבערג, אלס קאנדידאטין פרוי ס. בודזינער.

ווענען אלגעמיינע שול־בילדונג

(ג) דער נאטשאלניק פון דער לאדזער שול־דירעקציע ה' ביעלאיעוו, האט איצט צונויפגעשטעלט א סטאטיסטיק ווענען דער אלגעמיינער בילדונג אין לאדז און אומגעגענד. לויט דער סטא־טיסטיק איז צו זעהן, אז אין לאדז גע־פינען זיך 29,189 קינדער אין שול־עלטער. פאר זיי אלע דארף מען הא־בען 671 שולען. ביז'ן ערשטען יאנואר 1918 האבען זיך אין לאדז נאר געפו־נען 291 שולען. ס'איז דעריבער בע־שלאסען געווארען נאך 380 צו עפע־נען. אין פערגאנגענעם יאהר זענען שוין געגרינדעט געווארען 74 שולען די שטאדט־קאסע גיט אויף אויסצוהאל־טען די נייע שולען 225,420 רובל. די בירגער דאגעגען 888,871 רובל מיט 71 קאפ.

אין לאדזער קרייז געפינען זיך 22,344 קינדער אין שול־עלטער, פאר זיי זענען נויטיג 442 שולען. ביז'ן ער־שטען יאנואר 1913 האבען די גמינעס געהאט 86 שולען. פאר'ן פערגאנגענעם יאהר זענען געעפענט געווארען 48 נייע שולען. די רעגירונג גיט פאר די שולען 174,170 רובל און די גמינע־איינוואוינער 810,070 רובל מיט 42 קאפ.

א לאדזער פראצעס.

דאנערשטאג דעם 20 ד. מ. וועט זיך אין דער צווייטער קרימינאל־אב־טיילונג פון פעטראקאווער אקרוזשנאי־סוד אנהויבען דער פראצעס ווענען דער סקלאדען־שרפה אויף דער צעגעלניאנא גאס 39 № אין לאדז.

צו געריכטליכער פעראנטווארטליכ־קייט ווערען צונעצויגען די לאדזער סוחרים: אברהם רויטער, ליבוש ראוזסקי, משה ראווסקי, מאיר בירנבוים און יוסף פערלע, די שרפה איז פארגעקומען דעם 31 יאנואר 1911.

די סקלאדעס זענען געווען אסעקו־רירט אויף 238,000 רובל. אין פער־שידענע אסעקוראציאנס־געזעלשאפטען. די אויספארשונג אין דעם פראצעס האט זיך געצויגען 3 יאהר און דער־ווייל האבען די בעשולדיגטע נישט גע־קענט בעקומען אויסגעצאהלט די אסע־קוראנץ־פרעמיעס.

צום פראצעס ווערען ארויסגערופען איבער 100 ערות, פערשידענע עקס־פערטען פון לאדז און ווארשוי.

אלס פערטיידיגער פון די בעשול־דיגטע טרעטען ארוים די אדוואקאטען עטינגער, נאוואדווארסקי—ווארשוי, און ציבולסקי—פעטראקאוו.

